ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת
## אדמו״ר מנחם מענדל
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

## מטות
**(חלק יח — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת מטות־מסעי, כד תמוז־א׳ מנחם־אב, ה׳תשפ״א (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# מטות

א. אינעם פסוק[1] „הן הנה היו לבני ישראל בדבר בלעם למסר מעל בה׳ גו׳״, שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „בדבר בלעם״ און איז מפרש: אמר להם אפילו אתם מכניסים כל המונות[2] שבעולם אין אתם יכולים להם שמא מרו־בים אתם מן המצרים שהיו שש מאות רכב בחור[3] בואו ואשיאכם עצה אלקיהם של אלו שונא זמה הוא כו׳ כדאיתא בחלק[4] ובספרי[5].

דאָס וואָס רש״י דאַרף דאָ בכלל מפרש זיין, אַז דאָס איז געווען עצת בלעם — כאָטש רש״י האָט שוין דאָס מפרש גע־ווען פריער אין פ׳ בלק[6] אויף די ווער־טער פון בלעם „לכה איעצך״ (און אויך ביים פסוק[7] „ויחל העם לזנות אל בנות מואב״[8]) — איז מובן, וואָרום אונדזער פסוק איז דער מקור פון וואַנעט מען לערנט עס אַרויס, ווי רש״י זאָגט ביי דעם פסוק „לכה איעצך״: „תדע שבלעם השיא עצה זו להכשילם בזמה שהרי נאמר הן הנה היו לבני ישראל בדבר בלעם״.

מ׳דאַרף אָבער פאַרשטיין, פאַרוואָס ער ברענגט דאָ די אריכות „אמר להם אפי׳ אתם מכניסים כל המונות שבעולם . . רכב בחור״:

א) וואָס איז דאָס בכלל נוגע צום פירוש פון פסוק?

ב) אַז רש״י וויל מאיזה טעם שיהי׳ אַראָפּברענגען דעם חלק הדבור של בלעם, וואָלט דאָך מער מתאים געווען צו ברענגען דאָס דאָרט וואו ער איז מפרש דעם ענין צום ערשטן מאָל — אויף „לכה איעצך״?

ב. אויך דאַרף מען פאַרשטיין כמה דיוקים אין דברי רש״י:

א) דאָס וואָס בלעם האָט געזאָגט „אפילו אתם מכניסים כל המונות שבעולם אין אתם יכולים להם״, ווייל „שמא מרו־בים אתם מן המצרים״ — איז דאָך די ראי׳ ניט ממין הנידון, „אתם״ אַליין זיינען טאַקע ניט „מרובים מן המצרים״, אָבער מיט די „כל המונות שבעולם״ זיינען זיי געוויס מרובים מן המצרים; וואָרום די מצרים זיינען דאָך געווען בלויז איין אומה, און ווי גרויס ס׳זיינען געווען אירע המונות דאַמאָלס[9], זיינען זיי אַלץ ווייניקער פון „כל המונות שבעולם״?

נאָכמער: מ׳האָט דאָך שוין געלערנט פריער[10], אַז משה רבינו האָט געזאָגט דעם אויבערשטן „ואמרו הגוים גו׳ מבלי

1) פרשתנו לא, טז.

2) בהדפוסים דפרש״י הובא בחצע״ג „ס״א האומות״. אבל בדפוס ראשון ושני וכו״כ כת״י רש״י איתא „המונות״. וכ״ה בהדפוסים דספרי.

3) בשלח יד, ז.

4) סנהדרין קו, א.

5) עה״פ.

6) כד, יד.

7) כה, א.

8) להעיר אשר לאח״ז ממשיך „את המדינית״ (כה, ו) „המדינים גו׳ בנכליהם גו׳״ (כה, יז־יח) נקם נקמת בני ישראל מאת המדינים (פרשתנו לא, ב. וראה פרש״י) ואומר עליהן „הן הנה היו גו׳״ ואין רש״י מתרץ זה — כי כבר פירש שבלק הי׳ מנסיכי מדין וגם מלך למואב (בלק כב, ד).

9) וגם לדעת המכילתא (בשלח יד, ה. שמו״ר פט״ו, יוד) „שהי׳ פרעה שולט מסוף העולם ועד סופו״ הרי נאמר בפסוק (שם, ז) שהי׳ „כל רכב מצרים״ ולא של כל העולם.

10) שלח יד, טו־טז ובפרש״י.

יכולת ה׳ להביא גו״, ו„אינו דומה פרעה לשלשים ואחד מלכים״ — איז דאָך פשיטא אַז „אינו דומה״ צו „כל המונות שבעולם״.

ב) לאידך: וויבאַלד ער וויל מתאר זיין דעם ריבוי און די גבורה פון די מצרים — פאַרוואָס זאָגט רש״י בלויז „שהיו שש מאות רכב בחור״ און דערמאָנט ניט אויך (ווי דער פסוק איז מסיים) „וכל רכב מצרים ושלישים על כולו״? (ווי ס׳איז מובן אויך בפשטות, אַז נאָר אַ ריבוי מופלג פון „רכב מצרים״ האָט געקענט נאָכיאָגן און אַרויסרופן אַזאַ מורא — „וייראו מאד״[11] — ביי „שש מאות אלף וגו׳ הגברים גו׳ וגם ערב רב וגו׳״[12]).

לכאורה קען מען זאָגן, אַז מיט „שש מאות רכב בחור״ וויל רש״י מדגיש זיין (ניט דעם דאָזיקן מספר פאַר זיך, נאָר) אַז די „שש מאות״ זיינען געווען דער „רכב בחור״, וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק ווי גרויס ס׳איז געווען די צאָל פון גאַנץ חיל ורכב מצרים — איז עס אָבער פאָרט ניט גלאַטיק, וואָרום דעמאָלט וואָלט עס רש״י געדאַרפט מרמז זיין דורך מוסיף זיין דעם וואָרט וגו׳, אָדער לכה״פ ניט זאָגן דעם לשון „שהיו שש מאות כו״ (וואָס גיט אַן אָרט צו מיינען אַז דאָס איז געווען זייער גאַנצער מספר) — נאָר אַן אַנדער לשון (ע״ד ווי אין ספרי[13]), פון וועלכן מ׳זאָל קענען פאַרשטיין אַז ער מיינט מער ווי דעם דאָזיקן מספר?

ג) וואָס איז דער לשון „בואו (ואִ־שיאכם עצה)״?

11) בשלח יד, יוד.

12) בא יב, לז־לח.

13) עה״פ, שמביא ל׳ הכתוב „ויקח (שש מאות גו׳)״ שאפ״ל שכוונתו לכל הכתוב. משא״כ בפרש״י.

ד) רש״י איז מוסיף „(וכו׳) כדאיתא בחלק ובספרי״, וואָס בפשטות באַציט זיך דער ציון צום וואָרט „וכו׳״ — די ווײ־טערדיקע פרטי הענין ווי זיי זיינען דאָ אין (פרק) חלק און אין ספרי — איז ניט מובן: וואָס איז דאָ נוגע די אריכות הדבורים אין חלק און ס׳איז ניט גענוג צו מציין זיין צום המשך וואָס שטייט אין ספרי[14]?

ה) אפילו ווען רש״י וויל ברייינגען אויך פון „חלק״ האָט ער דאָך געדאַרפט מקדים זיין דעם ציון פון „ספרי״, ווייל: (א) דאָרט רעדט זיך בהמשך הביאור פון אונדזער פסוק; (ב) פון דאָרטן איז גענו־מען געוואָרן דער גאַנצער דבור פון רש״י אויך התחלתו — „אמר להם אפילו אתם מכניסים כו׳״ — דאַקעגן אין „חלק״ איז די אריכות הפרטים נאָר אין המשך צו „אלקיהם של אלו שונא זמה הוא״.

פון דעם איז מוכח, אַז דאָס וואָס רש״י זאָגט כדאיתא „בספרי״ מיינט ער ניט מציין זיין דעם מקור פון התחלת פירושו „אמר להם אפילו אתם כו׳״ (והטעם ווייל דאָס איז מוכח פון פסוק אַליין בפשש״מ), און אויך ניט אויף די פרטי הדבורים בהמשך צו „אלקיהם של אלו שונא זמה הוא״ (וואָס די פרטי העצה פון בלעם זיינען דאָ אין „חלק״), נאָר צו אַן ענין אין ספרי וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם וואָס עס רעדט זיך „בחלק״, דהיינו אין כלל הענין פון „אלקיהם של אלו שונא זמה הוא״.

14) זה שברש״י בלק (כד, יד) כ׳ „כדאיתא בחלק״ ולא הביא הספרי דשם (כה, א) — י״ל בפשטות כי ב„חלק״ הוא בהמשך להכתוב „לכה איעצך״ ומפורש עצת בלעם בזו. משא״כ בספרי שליתא שם שהי׳ ע״י עצת בלעם. וגם בפסוק כה, א צריך לפרש שהי׳ ע״י עצת בלעם, שעפ״ז מובן ההמשך להכתובים שלפנ״ז. וראה לקמן הערה 27.

ג. דער ביאור בזה: דער חילוק בפש־טות צווישן דעם פסוק בפרשתנו און דעם פסוק אין פ׳ בלק: אין פ׳ בלק שטייט „לכה איעצך", דעריבער איז רש"י מפרש נאָר „ומה היא העצה אלקיהם של אלו שונא זמה כו'"; דאַקעגן אין דעם פסוק בפרשתנו שטייט ניט „בעצת בלעם", נאָר „בדבר בלעם", איז משמע אַז צוזאַמען מיט דער עצה איז אויך געווען אַ „דבר", אַ דבור פון בלעם[15], וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער עצה[16].

און פון דעם וואָס דאָס שטייט בשייכות צו טענת משה (פאַרוואָס האָט מען אין דער מלחמה ניט גע׳הרג׳ט אויך די נשים) איז מוכח אַז דער „דבר בלעם" איז נוגע דוקא דאָ.

און דעריבער איז רש"י מפרש ניט נאָר די עצה פון בלעם, נאָר אויך דעם „דבר בלעם" — „אמר להם אפילו אתם מכניסים כל המונות שבעולם אין אתם יכולים להם כו'", וואָס האָט געבראַכט צו עצת בלעם: „אלקיהם של אלו שונא זמה כו'".

די הסברה בזה: טענת משה „החייתם כל נקבה הן הנה היו לבנ"י גו' על דבר פעור ותהי המגפה בעדת ה'" איז געווען ניט נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן בעבר מכשיל געווען אידן און געבראַכט די מגיפה[17]. די טענה איז געווען בשייכות צו דער מלחמה וואָס מ׳האָט געפירט איצט מיט מדין און דערפאַר איז „ויקצוף משה על פקודי החיל גו' הבאים מצבא המלחמה"; ד. ה. דאָס וואָס די מדינים האָבן געשיקט „בנותיהם לזנות" איז גע־ווען אַן אופן ווי זיי האָבן געוואָלט מלחמה האָבן מיט אידן און זיי אומבריי־נגען[18] ר"ל — דאָס איז טאַקע געווען „דבר בלעם": מיט מלחמה גשמית קען מען די אידן ניט מנצח זיין, ווייל „אפילו אתם מכניסים כל המונות שבעולם כו'", און דעריבער איז „בואו ואשיאכם עצה אלקיהם של אלו שונא זמה". קומט אויס, אַז די בנות מדין האָבן (אויך) געפירט בפועל די מלחמה פון מדין קעגן די אידן.

און דעריבער איז דאָ נוגע ניט נאָר עצת בלעם אַליין נאָר אויך „דבר בלעם".

ד. עפ"ז איז מובן פאַרוואָס רש"י ברענגט די פרטי הדבור פון בלעם:

אמר להם אפילו אתם מכניסים כל המונות שבעולם אין אתם יכולים להם — און אויף דעם האָט ער זיי ניט געדאַרפט ברענגען קיין ראי׳, וואָרום בלק האָט שוין געזען, אַז אפילו סיחון ועוג, די שטאַרקסטע מלכים וואָס אין כל אדם יכול לכבשם[19] און ווען מ׳האָט געדונגען[20] צו פאַרהיטן פון די אידן — האָבן די אידן זיי בייגעקומען אין אַזאַ נפלא׳דיקן אופן, אַז די גאַנצע גבורה פון סיחון ועוג האָבן קיין

15) ראה ספרי כאן: „מה הי' דבר בלעם כו'".

16) להעיר שבת"א כאן „בעצת בלעם". ועד"ז בתיב"ע „בעיצתא דבלעם". ובפ' בלק שם כתב דרשת רז"ל ע"ז. וגם בת"א פי' „אמלכינך מה דתעבד". ואכ"מ.

17) והיינו שבסיבתם היתה המלחמה (ראה אברבנאל ומלבי"ם כאן) דאז הי' מספיק שיאמר רק עצת בלעם „אלקיהם של אלו שונא זמה כו'".

18) אף שבלק אמר מתחלה רק „ואגרשנו מן הארץ" (בלק כב, ו ובפרש"י שם, יא) הרי כוונת בלעם ומדין בכלל הי' „וגרשתיו מן העולם" (פרש"י שם). ובפרש"י שם כג, יט: ואתה (בלק) סבור להמיתם במדבר. וראה פרש"י לא, ב.

19) ראה פרש"י חקת כא, כג.

20) ראה פרש"י בלק כב, ה.

באַטרעף ניט געהאַט[21]. ווייסן זיי דאָך שוין אַז גבורה גשמית, סיי אין אַ ריבוי בכמות און סיי אין שטאַרקייט באיכות, וועט ניט העלפן אויף צו בייקומען די אידן.

בלק און מדין האָבן אָבער געהאַט אַן אַנדער סברא, אַז מ׳וועט די אידן קענען מנצח זיין דורך אַ רוחניות׳דיקער מלחמה: ד. ה. אויפן זעלבן שטייגער ווי זיי האָבן געדונגען בלעם׳ען צו פאַרט־רייבן די אידן: „לכה נא ארה לי את העם הזה"[22] מיטן רוחניות׳דיקן כח וואָס ער האָט געהאַט, זייענדיק אַ נביא, „יודע דעת עליון" — אַזוי האָבן זיי אויך נאָכ־דעם (ווען בלעם האָט זיי ניט געקענט העלפן) געטראַכט צו אויפזוכן אַנדערע מענטשן מיט מער רוחניות׳דיקע שטאַר־קייט און כוחות אויף צו בייקומען די אידן.

אויף דעם האָט זיי בלעם געענטפערט „שמא מרובים אתם מן המצרים שהיו שש מאות רכב בחור". דערמיט האָט ער ניט געמיינט מדגיש זיין די כמות פון שש מאות, די גשמיות׳דיקע גבורה און ריבוי פון חיל מצרים, נאָר זייער רוחניות׳דיקע גבורה — און ווי רש"י[23] איז מפרש אַז די בהמות הרכב זיינען געווען „מהירא את דבר ה'" (דאָ איז ניט נוגע דער ריבוי במספר פון חיל מצרים) — און אעפ"כ האָט דאָס ניט געהאָלפן און בשעת זיי האָבן זיך אָנגעהייבן מיט אידן האָבן אויך זיי געהאַט אַ ביטערן סוף.

ובמילא איז מובן אַז עס האָט ניט קיין אָרט צו זוכן אַזעלכע וואָס האָבן אַ רוח־ניות׳דיקע מעלה און דורך זיי בייקומען די אידן, ווייל אין דעם ענין זיינען זיי ניט „מרובים מן המצרים" וואָס זיינען געווען „ירא את דבר ה'" און האָבן דאָך גאָרניט געקענט טאָן קעגן אידן[24].

וואָס קען יע העלפן — האָט זיי בלעם געזאָגט „בואו ואשיאכם עצה" — קומט צו נעענטער און איך וועל אייך געבן אַן עצה בחשאי „אלקיהם של אלו שונא זמה כו'", און דורך דעם וועט איר דורכפירן אייער מבוקש.

ה. דער בן חמש למקרא קען אָבער פרעגן: מען געפינט ניט אין די גאַנצע אַרבעים שנה במדבר אַז די אידן זאָלן טאָן אַזעלכע עבירות; נאָכמער: באַ שלו־מית בת דברי זאָגט רש"י[25] „שבחן של ישראל כו' לומר שהיא לבדה היתה זונה" — און פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אויך בנוגע לאנשים — היינט ווי קומט דאָס אַז אַזויפיל אידן זאָלן אין דעם נכשל ווערן, ביז אַז „ויהיו המתים במגפה ארבעה ועשרים אלף"[26]?

---

21) ראה פרש"י ס"פ חקת.

22) בלק כב, ו ובפרש"י. וראה פרש"י שם, ד.

23) בשלח יד, ז. ואף שכל הבהמות, גם של „כל רכב מצרים" היו מהירא את דבר ה' (פרש"י שם) הרי — (עיקר) הק"ו הוא מאלה שהיו „בחור — נבחרים" בכל (גם ב„ירא את דבר ה'").

וראה פרש"י וארא ט, יו"ד: „והירא את דבר ה' הניס את מקנהו . . וכן שנוי' במכילתא אצל ויקח שש מאות רכב בחור". וראה לקו"ש חט"ז ע' 148 ואילך.

24) ואולי י"ל שגם תחלת דיבורו של בלעם „אפילו אתם מכניסים כל המונות שבעולם אין אתם יכולים להם" אין כוונתו רק לשלול נצחון ע"י הכמות אלא גם שב„כל המונות שבעולם" בודאי יש בהם הרבה ירא ה' שבזכותם ינצלו (וע"ד מש"נ בסדום ועמורה (וירא יח, כג ואילך) שבזכות צדיקים כו') ולא יאבדו במלחמה עם בנ"י. וע"ז אמר „שמא מרובים אתם מן המצרים שהיו שש מאות רכב בחור" מספר מסויים מפורש — שלא בערך למספר הצדיקים שהי' דיו להציל גם את סדום וכו' — וכשרצו להלחם בבנ"י לא נשאר מהם אף אחד.

25) אמור כד, יא. וראה פרש"י שמות ב, יא.

26) ס"פ בלק.

אויך: וואָס איז דער „בואו" — פאַר־וואָס האָט עס בלעם געזאָגט בדרך סוד?

דעריבער ברענגט רש"י „כדאיתא בחלק", וואָס דאָרטן ווערט אַרום־גערעדט בפרטיות ווי אַזוי מען האָט די אידן אַריינגענאַרט דורך „צרצורי של יין"; ביז אַז זיי זיינען נכשל געוואָרען בזנות וע"ז. ובמילא — ווען אידן וואָלטן געוואוסט פון עצת בלעם, וואָלטן זיי זיך אויסגעהיט דערפון. דעריבער האָט ער געזאָגט בסוד — „בואו", אַז די אידן זאָלן זיך ניט דערוויסן פון דער ערמומית התחבולה[27].

ו. עס איז אָבער נאָך אַלץ ניט גלאַטיק: עס ווערט דערציילט דאָרט אין גמרא ווי אַזוי מ'האָט דורכגעפירט עצת בלעם — „עשה להן קלעים מהר שלג עד בית הישימות והושיב בהן זונות זקינה מבחוץ וילדה מבפנים ובשעה שישראל אוכלין ושותין ושמחין ויוצאין לטייל בשוק אומרת לו הזקינה כו'". קען מען ווידער פרעגן: ווי קומט צו אידן אַזאַ הנהגה פון „אוכלין כו' ושמחין ויוצאין לטייל בשוק" צווישן די אהלים פון נשי ובנות מדין? ובפרט אַז דאָס איז געווען נאָך די גרויסע נסים, וואָס אידן האָבן ערשט געזען באַ „אשד הנחלים"[28] און ביי מלחמת עוג וואָס עקר טורא[29] כו', האָט עס דאָך — בפשטות — געדאַרפט אַרויסרופן ביי אידן פונקט פאַרקערטע תוצאות — אַ הנהגה טובה ביותר.

דעריבער איז רש"י אויך מציין — „בספרי", מיינענדיק דעם „ספרי" וואָס האָט אַ שייכות צום ענין וואָס רעדט זיך אין „חלק": אין ספרי פ' בלק שטייט, אַז „משנתמלאו ישראל מן הבזה (פון מלחמת סיחון ועוג) התחילו מבזים את הבזה מקרעים כסות ומשליכים ומקרעים בהמה ומשליכים לפי שלא היו מבקשים אלא כלי כסף וכלי זהב כו'", ד. ה. אַז די גרויסע „בזה" פון דער מלחמה האָט גורם געווען אַז די אידן זאָלן זיין אין אַ מצב פון „וישמן ישורון" און במילא איז די תוצאות דערפון — „ויבעט", אַז דאָס האָט סוף־סוף דערפירט צו דער ניט גוטער הנהגה און כשלון החטא[30].

ז. פון „יינה של תורה" שבפרש"י:

ביי מלחמת מדין געפינט מען, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט[31] „נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים", און משה רבינו, בשעת ער האָט איבערגעגעבן דעם ציווי, האָט ער געזאָגט[32] „לתת נקמת ה' במדין" (ניט „נקמת בני ישראל"). איז מבאר דער טאַטע[33] דעם טעם השינוי, אַז דער אויבערשטער איז מדקדק על כבודן של ישראל און משה רבינו איז מדקדק על כבודו של הקב"ה (און עד"ז איז ער מבאר וואָס דער אויבערשטער אין זיין ציווי, האָט מקדים

27) להעיר מרשב"ם בלק כד, יד. ועפ"ז י"ל בפשטות שגם בפ' בלק כוונת רש"י ב„כדאיתא בחלק" לתרץ איך נכשלו ישראל בזנות. וראה שפ"ח בלק כה, א.

28) חקת כא, טו.

29) שהובא בפרש"י ס"פ חקת.

30) ומה שלא הביא רש"י הספרי גם בפ' בלק (כד, יד. כה, א) לתרץ קושיא הנ"ל, י"ל כיון שגם במלחמת מדין נאמר „ויקחו את כל השלל ואת כל המלקוח גו'" (פרשתנו לא, יא. ראה פרש"י שם יג) ולכן דוקא כאן הזכיר להם משה שלא ינהגו בזה כמו במלחמת סיחון ועוג שזה גרם שיכשלו כו'.

31) פרשתנו לא, ב.

32) לא, ג.

33) לקולוי"צ לזהר פ' שלח ע' שעז. ולהעיר מתנחומא ובמדב"ר עה"פ.

**געוועז [אין פ׳ תרומה] די כרובים פאַר דעם ארון, און אין פ׳ נשא, ווערט דער־מאָנט דער ארון פאַר די כרובים). מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, פאַרוואָס געפינט מען דעם שינוי און די צוויי ענינים ביי מלחמת מדין און ניט ביי אַלע אַנדערע ציווים?**

**לויט דער הסברה אין פי׳ רש״י הנ״ל איז דאָס מבואר: די מלחמה פון מדין מיט די אידן איז באַשטאַנען אין צוויי אופ־נים: א) זיי האָבן געוואָלט מלחמה האַלטן און אומברענגען אידן, און בה־תאם לזה קומט „נקמת** בנ״י**”; ב) די עצה וואָס בלעם האָט געגעבן „**אלקיהם **של אלו** שונא זמה **כו׳”** — **און אַנטקעגן דעם איז דער ענין פון „נקמת** ה׳**”.**

**און דעריבער: דער איבערשטער וואָס איז מדקדק בכבודן של ישראל, איז פון די צוויי — מדגיש „נקמת בנ״י”, זייער** כוונה **אומצוברענגען אידן; און משה רבינו, וואָס איז מדקדק על כבודו של הקב״ה, איז מדגיש „נקמת ה׳” — אַז אויך זייער אומברענגען אידן איז געווען דורך דער פעולה קעגן „**אלקיהם **של אלו”, וואָס „**שונא **זמה הוא כו׳”, ביז צו מכשיל זיין זיי אין ע״ז (בעל פעור).**

**ועפ״ז איז אויך מובן וואָס רש״י איז מפרש אויף „נקמת ה׳, שהעומד כנגד ישראל כאלו עומד כנגד הקב״ה”[34], וואָס די תורה זאָגט דאָס דוקא ביי מלחמת מדין — ווייל אין דעם האָט מען געזען אַז אין זייער אויפשטיין „נגד ישראל” איז געווען שטעלן זיך „נגד ה׳”[35] — מכשיל זיין אידן מיט זמה (און דורך דעם אויך ע״ז) —**

**און דעריבער זאָגט די תורה דאָ אין פ׳ מטות דוקא „בדבר בלעם”, ניט נאָר עצת בלעם, וואָרום דאָס גיט צו פאַרשטיין דעם מכוון פון מלחמת מדין, וואָס איז נקמת ה׳ און נקמת בנ״י.**

(משיחת ש״פ מטו״מ תשל״ה)

34) שבפשוטו בא לתרץ הסתירה (ראה שפ״ח שם).

35) להעיר מתנחומא ובמדב״ר שם: אמר משה רבון העולם אם היינו ערלים כו׳ לא היו שונאים אותנו כו׳ אלא בשביל תורה (מצוות) שנתת לנו.